טשענסטאכאווער צייטונג

אַנאָנסען-פּרייז:
פאר א מילימעטער שורה
פאר ן מעקסט 24 גראשען נאָכ'ן מעקסט 18 גראשען.
אין מעקסט 60 גראשען.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאָנסען איז די רעד. ניט פעראַנטוואָרטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאן 201.

אַבאָנאמענטס-פּרייז
א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek, dnia 29 października 1926

ליכט-צינדען 3 מיט 59 מינוט

פרייטאג, פ' תולדות כ"א מרחשון תרפ"ז.

Powiatowa Kasa Chorych w Częstochowie.

OGŁOSZENIE.

Do p.p. Pracodawców!

Wskutek ujawnionych nadużyć ze strony niektórych ubezpieczonych ,jak również i niektórych pracodawców, wypływających z powodu niezastosowania się do art. 15 cz. I. ustawy z dnia 19 maja 1920 r. (Dz. U. R. P. N. 44 poz. 272), który brzmi:

„Pracodawcy obowiązani są w ciągu 3 dni od daty przyjęcia lub zwolnienia pracownika, a jeżeli przedsiębiorstwo znajduje się w innej miejscowości niż Zarząd Kasy w ciągu 5 dni—zawiadomić o tem pisemnie Zarząd Kasy".

Powiatowa Kasa Chorych w Częstochowie zawiadamia, że nie zastosowanie się do art. 15 powyższej ustawy pociągnie za sobą wszystkie skutki przewidziane w art. 16 i 51 ustęp I. ustawy z dnia 19 maja 1920 r., a mianowicie:

1. na pracodawców, którzy nie zgłoszą w terminie na blankietach ustanowionych przez tut. Kasę podlegającego ubezpieczeniu w 3 ewentualnie 5 dni od dnia przyjęcia do pracy będą nałożone kary od 1 do 5-krotnej kwoty zaległych składek i prócz tego ściągnięte składki przypadające za czas od przystąpienia do pracy.
2. Składki będą ściągnięte aż do dnia zawiadomienia o zaprzestaniu pracy przez ubezpieczonego.

Równocześnie zwracamy uwagę na konieczność podpisywania zgłoszeń i wymeldowań przez uprawnionych pełnomocników firm, przyczem podpisy muszą być pełne t. j. całe imię i nazwisko ewentualnie pod niewyraźnym podpisem należy wydrukować lub wypisać czytelnie imię i nazwisko podpisującego.

DYREKTOR: (—) W. **MIŁKOWSKI.**

Przewodniczący Zarządu (—) E. **WICHURA.**

נור 2 פֿאָרשטעלונגען. פיערלעשער-זאַל. נור 2 פֿאָרשטעלונגען.
פֿין די: ווארשאָווער פעראייניגטע אפערעטען-טרופּע פֿון קאמינסקים טעאטער אין ווארשא אונטער דער אנפֿיהרונג פֿון י. וויינבערג
מיט'ן אנטייל פֿון די בע-ריהמטע ארטיסטען פֿרוי **ג. זאַריצקאַ** און **ש. ראָזען.**
היינט, פרייטאג 8.30 אָוונד ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל די גרויסע פּרעכטיגע אויסשטאטונגס-אָפּערעטע, וואס איז געשפּילט אין ווארשא 500 מאָל ביי אויסערקויפֿטע הייזער
„די רומענישע חתונה" אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ.
פּרעמיערע! מאָרגען שבת, נור נאכמיטאג-פֿארשטעלונג האלב 4 נאָכמ. דער שלאַגער פֿון סעזאָן, די גרויסע אָפּערעטע מיט 30 נומערן געזאנג און מאָדערנע טענץ **„כאוואַזער ליעבע"** אין 3 אקטען פֿון פּ. סנדלער.
רעזשיסער: ש. ראָזען. דירעזשאָר: ל. וקרמאַן. באַלעט-מייסטער: ב. ליבאָוויטש. גינע-אינספּעקטאָר: מאַכאַראָווסקי.
אייגענע קאָסטיומען, דעקאָראציעס, אָרקעסטער און רעקוויזיט. — בילעטען פֿון 1—4 גילדען צו בעקומען אין דער דרוקעריי פֿון ב. באַטשאַן, אלעע 6.

לונגענקראַנקע!
טויזענדער זענען שוין געהיילט געוואָרען!
פערלאנגט ווֹאָרט דאס בוך איבער מײַן נייע נאַהר-קונסט, וועלכע האט שוין פיעל געראטעוועט. דאסועל-בע ביי יעדען נעהאוינטען לעבענס-אָרט אָנגעווענדען ווערען און העלפֿט די קראנקהייט שנעל בעזייגען. נאכט-שווייס און הוסטען פערשווינדען. די געוויכט פֿון קערפער ווערט גרעסער און עס שטילט אײַן די ליידען.
ערנסטע מענער פֿון דער ערצטליכער וויסענשאַפֿט-וועלט בעשטעטיגען און בעפֿאָרצוגען מיין מעטאדע און שאצען גערן איין צו דער אנווענדונג. וואס פֿריהער מען האט גענוצט און בעהאַלטען, דיזע מעטאדע איז בעסער. **גאַנץ אומזיסט** קאנט איהר ערהאלטען מיין בוך, פֿון וועלכען איהר וועט וויסענשאַפֿטליך ערפֿאַהרען. אזוי ווי מיין פערלעגער צושיקט נאָר **10,000** אומזיסט, שרייבט זאָפֿאָרט כדי איהר זאָלט זיין צווישען די גליקליכע וואס בעקומען דאס בוך.
GEORG FULGNER, Berlin - Neukölln
Ringbahnstr. 24, oddz. 584.

DOM EKSPEDYCYJNY
ZYLBER i GOLIŃSKI
sp. z ogr. odp.
Częstochowa, Kościuszki 24, tel. 5-62
— ערלעדיגט: —
אויסלענדישע, אינלענדישע און אָרטיגע עקספּעדיציעס.
מאַגאַזינירונג פֿון סחורות אין אייגענע לאגערן.
פֿראַנקירט צאָל, איבערפֿיהרונגס-קאָסטען א. ד. גל.

יודישער טורן- און ספּאָרט-פֿעראיין
אין טשענסטאָכאָוו
מאַכט בעקאנט, אז ס'האבען זיך שוין אנגעהויבען די לעקציעס פֿון גימנאַסטיק. אלע מיטגלידער און מיטגלידערינס וועלכע ווילען אנטיילנעמען אין די לעקציעס מוזען זיך רעגיסטרירען אין סעקרעטאריאט פֿון דער געזעלשאַפֿט, וועלכער איז טעטיג יעדען טאג פֿון 6 ביז 8 אָוונט אין אייגענעם לאָקאַל (אַגראָדאָוואַ 22), דער סעקרעטאריאַט נעמט אויך אן פֿרישע דעקלאַראַציעס אין די קאַטעגאָריען: 1) עלטערע פּערזאָנען, 2) יונגענד, 3) קינדער פֿון 5 ביז 10 יאָהר.
בעמערקונג: די לעקציעס פֿון גימנאַסטיק וועלען פֿאָרקומען אונטער דער ליטונג פֿון א אינסטרוקטאָר, ספּעציעל דעלעגירט פֿון דער צענטראַלע פֿון די יודישע ספּאָרט-געזעלשאַפֿטען אין פּויליש.
די פֿערוואַלטונג.


כשר
פערלאנגט אומעטום נור
„פּאַטאַקאָל"
וויל **„פּאַטאַקאָל"** איז די בעסטע און ביליגסטע
קאַקאַאָ-פּוטער
כשר

וויכטיג פֿאַר הויז-בעזיצער אין בערלין!
דער פֿערטרעטער פֿון דער פֿירמא
„GUHAG" Burgstrasse 28 אין בערלין,
וועלכער פֿערבלייבט אין טשענסטאָכאָוו אין האָטעל „פּאָלאָניא" ביז דעם 29 ד. ח. ערטיילט אומפֿעראינטערעסירט אלע אינפֿאָרמאַציעס אין דער אנגעלעגענהייט פֿון איבערוואַלוטירען היפּאָטעק-חובות, פּראָצעסען וועגען „שוואַרצקויף", נעמט אָן הייזער-פֿערוואַלטונג, גיט אנלייהען אויף'ן 1-טען און 2-טען נומער היפּאָטעק, נעמט אָן אויפֿטראַגען וועגען פֿער-קויפֿען הייזער, און קויפֿט אַזאָלכע אויף אייגענעם רעכנונג.
אינטערעסאַנטען ווערען אנגענומען אין **האָטעל „פּאָלאָניא"**
פֿון **11** ביז **2** מיטאג און פֿון **5** ביז **7** אָוונד.
בעמערקונג: אין אלע אנגעלעגענהייטען וועגען דער אויבענדערמאנטער פֿירמא קען מען זיך אינפֿאָרמירען אין וועקסעל-קאָנטאָר י. וועקסלער, אלעע 6.

בעקאַנטמאַכונג.
די פֿאַבריק פֿון טריקאָטאַזש-אויסאַרבייטונגען
ספּעציעל טריקאָטאַזש-וועש,
פֿון **ג. כהן** ווין **ד. פראַמער**
נאַרוטאָוויטש (קראָקאָווער) **23.**
נעמט אָן פֿערשידענע בעשטעלונגען צו ביליגע פּרייזען, און גוטע בעדינגונגען.

דער סטאַרשי פֿעלדשער ס. מיטלער
ערטיילט הילף קראַנקע פֿון 8 פֿריה ביז 8 אָוונד אין דער רעוויר „היגיענאַ" נייער מאַרק 5 און ביינאַכט אין זיין פּריוואַט-וואָהנונג פּילסודסקי 5
פֿאַר אָרבייטסלאָזע יעדע ערסטע הילף אומזיסט.

JEŻELI CHCESZ MIEĆ!!
Hygienicznie, elegancko, czysto wypraną, wyprasowaną bieliznę, chemicznie praną garderobę, t. j. kostjum, garnitur, palto, jesionkę, swetry, dywany, jedwabie i t. p. to tylko
SPIESZ do CHEMICZNEJ PRALNI
„JADWIGA" Częstochowa, Strażacka 17.
CENY ZWYKŁE.

דער פֿאמיליע חלאַדאָווסקי צוליעב'ן טויט פֿון זייער מוטער **ביילה** נ"ע
דריקען אויס הערצליכען מיטגעפֿיהל.
ל. פֿלאַצהער און פֿרוי.

מיט גערירהייט דאַנק'ן פֿריהצייטיגען טויט פֿון מיין בעסטע פֿריינדין
ביילה וולאָדאָווסקא נ"ע
דריקען מיר אויס אונזער אינניגסטען מיטגעפֿיהל דער פֿאמיליע וולאָדאָווסקי
זי' אויך דער פֿאמיליע ניימאַן
אסתר אייבעשיץ
פֿאַמיליע האַראָוויטש.

צוליעב דעם פֿריהצייטיגען טויט
פֿון **ביילה וולאָדאָווסקא** נ"ע
דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער פֿאמיליע דעם טיעפֿסטען מיטגעפֿיהל
משה און **יוסף עפּשטיין.**

די טעטיגקייט פון די בענייטע קהלות.

— III —

נישט אלע גרופען פון היינטיגען קהלה-ראט זענען אפילו געווען צופרידען מיט דער שלום-טאקטיק פון פרעזידיום, און זיי האבען געהאלטען אז מען דארף ארויסגעהן „בחרב ובחנית" און קעמפען פאר די רעכט פונם ראט. די מעסיגע האבען פערשטאנען, אז מיט'ן קאסף וועלען מיר קיין פראדוקטיווע און צוועקמעסיגע ארבייט נישט פיהרען, ווארום דער ראט קען אננעמען די בעסטע און וויכטיגסטע בעשלוסען, און די פערוואלטונג וועט זיך מיט דעם נישט רעכנען און זיי נישט אויספיהרען.

אין ווארשא איז די קאמפעטענץ-פראגע נאכנישט ערלעדיגט, און דערפאר האט אפילו פאסירט אז ווען דער ראט האט נישט געוואלט בעשטעטיגען דעם דורך דער פערוואלטונג פארגעלעגטען צוגאב-בודזשעט, האט די לעצטע [illegible] די קאפ פון ראט זיך געהאנדערען דירעקט צום אויבערשטען ראט, און ערשט ווען דער לעצטער האט געענטפערט אז דאס ליגט אין דער קאמפעטענץ פון קהלה-ראט, האט זיך די פערוואלטונג געמוזט צו איהם ווענדען.

דאס איז אבער אלץ נאר בנוגע בודזשעט-פראגען, וועגען וועלכען ס'איז פערהאנגען א בעזונדער פארארדנונג אז דאס האט צו בעשטימען דער ראט. אבער בנוגע אנדערע פראגען, ווי אויך אין דער עצם זאך צו די פערוואלטונג מוז אויספיהרען די אנגענומענע בעשלוסען פון ראט, הייסען מיר אלץ נאכנישט קלאר, און אין ווארשא ארבייטען מאקי בעדע, דער ראט און די פערוואלטונג, גאנץ בעזונדער. דער ראט נעמט אן זיינע בעשלוסען און די פערוואלטונג—איהרע, און ווי דאס וועט ווייטער זיין, ווערט אונז אפשר די צייט ווייזען.

עס דאס איז די הויפט-סבה פאר-וואס די ארבייט אין אונזערע קהלות געהט נישט נארמאל, און עס איז וועניג צו דערקענען וואס די נייע קהלות האבען אויפגעטוהן אין משך פון זייער עקזיסטענץ. און דאס איז דערפאר מעהר אזוי ווי די ראטסמענער ווי די פערוואלטונגס-מיטגלידער פיהלען נישט אויף זיך די גרויסע אחריות פון זייער אמט, יעדער האט קודם כל אין זינען זיין ריכטונג אדער גרופע, און נישט דעם גאנצען כלל, ווארום ביי דער געהעריגער און אופריכטיגער פערשטענדניס וואלטען בעדע געקענט ארבייטען צוזאמען נישט רעכענדיג זיך מיט דעם וואס עס שטעהט געשריבען אינם סטאטוט.

מען מוז אויך בשום אופן נישט פערהוילען דעם ביטערן אמת אז מיר האבען וועניג צייטיגע און פעהיגע מענשען וואס וואלטען קענען אוועקגעבען זייער צייט און מיה פאר דער שווערער כלל-ארבייט, ווייל היינט עס זאל ווי נישט זיין, זענען זיי דאך פארט נישט קיין געצאהלטע בעאמטע ווי דער מא-גיסטראט, אדער דער סיים מיט דער רעגירונג, וואס קענען זיך בעניגען לאזען מיט זייערע פענסיעס, פון וועלכע זיי האבען פרנסה. צין קהלה-ראט ווי אין דער פערוואלטונג זיצען מענשען וואס זענען שטענדיג פערנומען מיט זייערע טאג-טעגליכע דאגות און קלאפאטען, און דאס שטערט אויך פיעל דעם נארמאלען גאנג פון דער ארבייט.

וועלכען וועניגסטענ'ס די בעציהונגען צווישען ראט מיט דער פערוואלטונג וואלטען גוטע, און ס'וואלט צווישען זיי געהערשט די הארמאניע פון געמיינזאמער צוזאמענ-ארבייט, וואלט דאס מעגליך צוגעצויגען די פערנומענע מיטגלידער אז זיי וואלטען זיך צייט נעמען און קומען, איז אבער ווען אויף יעדער זיצונג פער-געסט מען זיך נאר מיט'ן קריטיקירען און אינסטינקטיוו די צוזאמען, שטויסט דאס אלעין אב פיעל מיטגלידער אז זיי זאלען נישט קומען אויף די זיצונגען.

ביי אונז, ווי איך האב שוין דער-מאנט, איז דער גאנצער ראט געקומען צום בעשלוס אז וועהענדיג דאס די פערוואלטונג שטופט זיי אוועק זאלען זיי זיך אליין נעמען צו דער ארבייט, עס זענען שוין אפילו געשאפען געווארען די נויטיגע קאמיסיעס פאר יעדער צווייג פון דער הויפטשטעטלישער ארבייט, אבער איך קען מיר בשום אופן נישט פערשטעלען ווי אזוי די קאמי-סיעס וועלען קענען פאקטיש ארבייטען און וואס זיי קענען אויספיהרען, אהן דער פערשטענדיגונג מיט דער פערוואלטונג.

איך וויל אבער האפען אז די פער-וואלטונג וועט ענדליך נעמען אין אכט די גרויסע פעראנטווארטליכקייט וואס זי טראגט אויף זיך און וועט איבער-רייסען מיט איהר ביז-יעצטיגער פא-ליטיק, מיטהעלפענדיג דעם ראט אז די קהלה-ארבייט זאל ווירקליך גע-פיהרט ווערען אין אלע געביטען לטובת דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

עס אזוי זעהט אויס די טעטיגקייט, ווי איך האב שוין געזאגט, אין אלע בענייטע יודישע קהלות אין פוילען, איבעראל שטערט די ארבייט, דאס מיר זענען נאכנישט גענוג רייף און דערצויגען צו פיהרען זעלבסט-שטענדיג אונזערע קהלות. און יעדער שטעלט זיין פארטיי העכער ווי דעם גאנצען יודישען כלל. אבער עס איז נישט קיין שום ספק אז דאס וועט זיך ענדערען, אז די אויסגעוועהלטע יו-דישע פרנסים וועלען ענדליך פער-שטעהן זייער אויפגאבע, און מיטווירקען אז די קהלה זאל זיין דאס וואס זי דארף און מוז זיין.

א פרנס.

פערשידענע ידיעות.

— ווי בעקאנט האט די רעגירונג בעשלאסען צו שאפען א ביוראָ וואס זאל זיך פערנעמען מיט'ן אויספארשען די קאסטען-פרייזען פון אלע סחורות, אום צו קענען קעמפען מיט דער שפעקולאציע. צו דעם צוועק זענען שוין עקספערטען פון פינאנץ-מיניסטעריום צוגעשטעלט אדורכצופיהרען די אנ-קעטע צווישען די סוחרים און פאברי-קאנטען. לעצטענ'ס איז אבער ענט-שטאנען א שוועריגקייט צוליעב דעם וואס די עקספערטען פערלאנגען צו קאנטראלירען די ביכער פון די האנ-דעלס- אונטערנעהמונגען און פאבריקען און גענוי פעסטצושטעלען זייער קאל-קולאציע, אויף וואס די פאבריקאנטען און סוחרים ווילען נישט איינגעהן. עס ווערען דעם געפיהרט אונטער-האנדלונגען.

— דער פינאנץ-מיניסטער האט בע-שטימט א ספעציעלע פינאנץ-קאמיסיע וועלכע זאל זיך נעמען בעקענען מיט די עצות און מיינונגען פון פראפ. קעמערער, און פעסטשטעלען אויף וועלכען אופן זיי אדורכצופיהרען, עס איז וועגען דעם אנגעשיקט געווארען צום פראפ. קעמערער א געהעריגער ראפארט.

— דער מלוכה - פרעזידענט האט אונטערגעשריבען א דעקרעט וועגען רעגולירען דעם געלד - אומלויף אין לאנד. לויט דעם דעקרעט וועט אויף יעדען בירגער אויסמאכען 17 זלאטים פון גאנצען געלד-פערקעהר אין לאנד.

— אין האנדעלס-מיניסטעריום ווערט אויסגעארבייט א גענוי- פראיעקט לויט וועלכען דעפוטאטען און סענאטארען טאר'ען נישט אויסגעהאלטען ווערען אין דער פערוואלטונג, אויפזיכטס - ראט, אדער רעוויזיאנס-קאמיסיע פון די אק-ציען-געזעלשאפטען אין וועלכע די רע-גירונג איז בעטייליגט אין גרונד-קא-פיטאל אדער וועלכע האבען פון דער רעגירונג א געזיכערטען דיווידענד.

— די רעגירונג האט בעשלאסען איינצואָרדנען אין די גרעסערע שטעדט צענטראלע זאפאסען פון מלוכה-תבואה. עס איז צו דעם צוועק אסיגנירט גע-ווארען 11 און א האלבער מיליאן זלאטים און די געהעריגע ארגאנען זע-נען שוין צוגעטרעטען דעם פלאן צו פערווירקליכען.

— דער סיים-מארשאלעק האט שוין ארויסגעשיקט צו אלע דעפוטאטען בריף אין וועלכע ער מעלדעט זיי מיט אז דעם 30 אקטאבער זאל פארקומען די ער-שטע זיצונג פון דער נייער סיים-סע-סיע.

— אין דער דייטשער פרעסע האט זיך בעוויזען א ידיעה אז די האנדעלס אונטערהאנדלונגען צווישען פוילען און דייטשלאנד וועלען איבערגעריסען גע-ווארען, צוליעב דעם וואס די דייטשע דעלעגאציע האט פערלאנגט די זעלבע בעזעצונגס-רעכט אין פוילען פאר די דייטשע געשעפטסלייט ווי פאר סוחרים און אינדוסטריעלער.

—*אין רינא איז געשלאסען געווא-רען א האנדעלס-אבמאך צווישען פוי-לען און לעטלאנד. דער דאזיגער אב-מאך וועט האבען א קאלאסאלען איינ-פלוס אויף דער ווייטערדיגער פאליטי-שער געשטאלטונג פון די בעדע לענ-דער.

— לויט ווי מען אינפארמירט וועט שוין אין די נאהנטסטע טעג פערעפענט-ליכט ווערען א נייער פרעסע-אוקאז וועלכער וועט אריין אין קראפט לויט א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט.

— דער בעקאנטער יודישער גע-לעהרטער אין דייטשלאנד פראפ. לא-צארוס האט פערענדיגט די איבערזעצונג פון גאנצען תלמוד אויף דער דייטשער שפראך. פראפ. לאצארוס האט איבערן ווערק געארבייט 30 יאהר. די איבערזעצונג ווערט אנערקענט אלס א ריזען-ווערק.

— לויט דער איניציאטיווע פון בע-קאנטען יודישען ארכיטעקט שלאס-בערג, איז אין פאריז געגרינדעט געווארען א יודיש-רוסישע קהלה. אלס רב איז בעשטימט געווארען דער גע-וועזענער רב אין לענינגראד ד"ר איי-זענשטאט.

— דעם 15-טען נאהענטסטען קומט פאר אין מאסקווא א קאנפערענץ פאר דער יודישער קאלאניזאציע אין רוס-לאנד. אין דער קאנפערענץ וועלען זיך בעטייליגען אויך יודישע אויסלענ-דישע ארגאניזאציעס מיט'ן אויפנאהם פון „דזשאינט". [illegible] דער צייט פון דער קאנפערענץ וועט ארגא-ניזירט ווערען א ווירטשאפטליכע אויסשטעלונג, וועלכע וועט פארשטע-לען די סיסטעמאטישע ענטוויקלונג פון דער יוד. קאלאניזאציע אין רוס-לאנד. לויט ווי „עמעס" מעלדעט [illegible] געהערען אן צו דער ארגאניזאציע 100 טויזענד מיטגלידער.

— אין דער רוסישער „פראוודא" האט דער בעקאנטער קאמוניסט יא-ראסלאווסקי געשריבען אן ארטיקעל, אין וועלכען דער אויטאר ווייזט אן אויף דעם געפאהר פון אנטיסעמיטיזם וואס פערשפרייט זיך אין רוסלאנד, הויפטזעכליך צווישען די ארבייטער. יא-ראסלאווסקי ווייזט אן אויף די פליכ-טען פון דער סאוויעטען-רעגירונג אנ-צונעמען שטרענגע מיטלען.

פון דער וועלט.

דער גרעסטער טונעל אויף דער וועלט.

דער גרעסטער טונעל אויף דער וועלט איז ענדגילטיג פערענדיגט געווארען און איבערגעגעבען געווארען פאר'ן עפענטליכען געברויך.

דער דאזיגער טונעל איז א אונטערערדישער, וואס ציהט זיך איבער לאנדאן דער גרעסטער וועלט-שטאדט.

דער דאזיגער טונעל, וואס איז א מייס-טערווערק פון דער טעכניק און בוי-קונסט פעראייניגט די מערב-קווארטאלען פון דער ענגלישער מעטראפאליע מיט די צפון'דיגע און ציהט זיך איבער דער גאנצער לענג פון דער ריזען-שטאדט.

דער טונעל פער'חידוש'ט אלע, מיט זיין קאלאסאלען פערנעהם, קאמפליצירטער נעץ און דער טיפקייט פון זיינע וואקזאלען.

אין דער ריכטונג פון די גרעסטע אונטער-ערדישע אונטערנעהמונגען פון אייראפא, וועט שוין נישט זיין דער סימפלאן צו דער גאט-הארד-טונעל אין דער שווייץ, וואס איז לאנג 20 קילאמעטער, מחמת דער נייער אויסגעבוי-טער לאנדאנער טונעל פערנעמט גאנצע 40 קילאמעטער, עס וועט דאריבער נישט זיין קיין גוזמא, אז אט דער נייער טונעל שטעלט אריבער אלערליי בוי-אונטערנעהמונגען אויפ'ן געביט פון קאמוניקאציע, סיי אין דער אלטער, סיי אין דער נייער צייט.

די צוגען, וואס לויפען מיט דער גיכקייט פון א עקספרעס אין דעם טונעל, גאנץ טיף אונטער די הייזער פון אט דער ריזען-שטאדט-פיהרען יעדען טאג 3 און א האלב מיליאן פאסאזשירען, וואס מאכט אויס יעהרליך די גוואלטיגע ציפער פון 1600 מיליאן פערזאנען.

דאס איז גראד אזוי פיעל, ווי די צאהל איינוואוינער פון אונזער גאנצען ערד-קוגעל.

אינטערעסאנט זענען אויך די ציפערן, בנוגע די קאסטען פון דער לאנדאנער אונ-טערערדישער באהן, יעדער ענגלישער מייל האט געקאסט נישט ווייניגער פון 900 טויזענד פונט שטערלינג.

כדי אז דער ריזיגער קאפיטאל, וואס איז אריינגעלעגט געווארען אין דער דאזיגער אונ-טערנעהמונג זאל קענען צוריק ארויסגעצויגען ווערען, נאך מיט פראצענטען, איז גוויס גע-ווען, אז אויף איין ענגלישען מייל זאל אויס-מאכען יעהרליך 18 מיליאן פאסאזשירען.

בעת דעם אויסגראבען האט מען געמוזט גראבען א ווייכען זאמדיגען באדען, וואו עס איז כסדר פערהאן געווען די מורא, אז די אויבערשטע שיכטען וועלען נישט איינפאלען.

3 מיליאן מעטער ערד האט מען ארויסגע-נומען פון ערד און אויף דעם ארט, האט מען אויף יעדען קילאמעטער געמוזט בענוצען 10 מיליאן קילא געגאסען אייזען. די שווערסטע אויפגאבע איז געווען דאס דורכגראבען דעם טונעל אונטער דער טעמזא.

עס בעט זיך דא א אינטערעסאנטער פער-גלייך צווישען דער אונטערערדישער באהן מיט א געווענליכער דאמף-באהן. בעת מען האט אין ענגלאנד געבויט די ערשטע אויף דער וועלט אייזענבאהן, האבען פערשידענע וואך-קענער פון גאנצען לאנד געפרובט בע-ווייזען, אז די גאנצע אונטערנעהמונג איז גע-ווענדעט געגען דער ווירקליכקייט פון מענשלי-כען לעבען.

מען האט ארויסגעזאגט די מורא, אז די לאקאמאטיווען וועלען ארויס פון די רעלסען אז דער מענשליכער ארגאניזם וועט נישט פערטראגען די גיכקייט פון רייזען 40 קי-לאמעטער א שעה, אז דער רויך פון די לא-קאמאטיווען וועט פערניכטען די לופט א.ז.א. וו.

אין אזוי האט מען אויך געשמועסט בעת דעם בוי פון דער אונטערערדישער באהן אין לאנדאן.

די רעגירונגס-[illegible] פון לאנדאן האט אין משך פון 25 יאהר מיט א אייזערנע עקשנות אפגעזאגט צו געבען די אקציאן-גע-זעלשאפט א קאנצעסיע אויף אויסצובויען דעם דאזיגען טונעל, ערקלערענדיג, אז עס איז א אונמעגליכקייט אויסצובויען אזא טונעל אונטער לאנדאן, [illegible] זאל נישט פערהאן זיין א מורא עס וועט איינפאלען, די [illegible] שטאט האט דאן מורא געהאט, אז דורך דעם איינפאלען פונם טונעל, קענען גאנצע שטאדט-קווארטאלען דערגעהן צו א מורא'דיגער קא-טאסטראפע. עס איז אויך ארויסגעדריקט גע-ווארען די מורא, אז צוליעב דער ציטעריניש, וואס וועט ארויסגערופט ווערען דורכ'ן גלויף פון די צוגען, קענען די פונדאמענטען פון די הייזער איינפאלען א. א. וו.

בעת אבער די קאנצעסיע איז ענדליך געגעבען געווארען און דער טונעל איז פער-טיג געווארען, האבען די איינוואוינער פון לאנדאן א לאנגע צייט נאך, מורא געהאט צו פאהרען מיט אט דער אונטערערדישער באהן, אהן וועלכער מען קען זיך היינט צו טאג גארנישט פארשטעלען די ריזען-שטאדט לאנ-דאן.

וואס הערט זיך אין דער יודישער וועלט?

— דער יודישער פערבאנד פון קא-פעראטיוען האט בעקומען פון ג. ק. א. א מעלדונג וועגען די בעשטימטע פאר די יודישע האנדווערקער א האלב מיליאן זל. קרעדיט. דער פערבאנד האט נאך א פערשטענדיגונג מיט די האנדווערקער - ארגאניזאציעס צוגעטיילט דאס געלד צווישען 31 [illegible] קאא-פעראטיוען.

— אין ניו-יארק איז לעצטענס פאר-געקומען א בעראטונג פון די פרעזי-דענטען פון אלע יודישע לאנדסמאנ-שאפטען אין אמעריקא, אויף וועלכען ס'איז אנגענומען געווארען א רעזאלו-ציע צו פעראייניגען אלע לאנדסמאנ-שאפטען אין איין פערבאנד.

— אין קאטאוויץ איז פארגעקומען א זיצונג פון [illegible] פון די יודי-שע אינוואלידען, מיט'ן אנטייל פון דעלעגאטען פון אויסלאנד. ס'איז בע-שלאסען געווארען צו גרינדען אין אמע-ריקא א ארגאניזאציע פון די יוד. אינ-וואלידען.

— אין ירושלים האט זיך געגרינ-דעט א ליגע צו העלפען די פערטיי-דיגונג פון שלום שווארצבארד.

— די פארלאמענטארישע רעפרע-זענטאנטען פון די נאציאנאלע מינדער-הייטען אין לעטישען סיים האבען בע-שלאסען צו גרינדען א בלאק פון אלע נאציאנאלע מינדערהייטען, צו וועלכען ס'וועלען געהערען פוילישע, רוסישע דייטשע און יודישע מינדערהייטען.

6) די „זאכלאדניקעס".

א ריהרענדע געשיכטע פון די לעצטע מלחמה - יאהרען.

פון י. געלאהן.

(פארזעצונג)

7.

מרים מיט איהר חתן, דניאל דעם רב'ס זוהן זענען ווי מיר האבען שוין אי-בערגעגעבען, ארויסגעפאהרען פון שטאדט אין דער ערשטער נאכט נאכדעם ווי די רוסען האבען פערנומען די שטאדט און ס'איז בעוואוסט געווארען אז וואל-קאוו א'ז דער שטאדט-קאמענדאנט.

פון דעם אלטען גענעראל האבען זיי בעדע בעקומען א ערשט-קלאסיגע פשעפוסטקע אלס צוויי מאנספערשוינען (ווייל מרים האט זיך אויך פער-קליידט אלס מאנספערשוין) וועלכע פאהרען קיין פעטערבורג וועגען א זעהר וויכטיגע מלוכה'שע אנגעלעגע-נהייט.

די דאזיגע פשעפוסטקא האט פאר זיי געעפענט אלע טויערען, אלע רוסישע [illegible] האבען זיי אדורכגע-לאזט. און זיי זענען אלץ ווייטער גע-פאהרען אהן שטערונג.

זיי האבען זיך אבער נישט געקענט בערוהיגען ווען זיי האבען זיך דער-מאנט אין זייער היים-שטאדט, נישט וויסענדיג וואס עס הערט זיך ביי זיי-ערע עלטערן, ווייל זיי האבען גוט געוואוסט אז וואלקאוו וועט זיי נישט אזוי גלאט אדורכלאזען. אבער זיי הא-בען קיין שום ידיעה פון דארט נישט געהאט.

ווען זיי האבען איינמאל געהאלט עטליכע טעג אין א רוסישען לאגער, נישט קענענדיג ווייטער פאהרען, און זיי האבען צייט געהאט זיך נאכצו-פרעגען וואס עס הערט זיך אין ר. האבען זיי געהערט אז וואלקאוו זאל האבען געוואלט אויפהענגען דעם דאר-טיגען רב מיט נאך א יוד, און וואס עס איז געווארען האבען זיי נישט גע-וויסט.

דניאל האט זיך ווי עס איז גע-פאסט, אבער מרים האט זיך בשום אופן נישט געקענט בערוהיגען זי האט געוויינט און געקלאגט ווען זי איז געזעסען מיט איהר חתן אליין, און זי האט אפילו גע'טענה'ט אז זי זאל צוריק פאהרען קיין ר. און זאל זיין וואס עס וויל.

אינצווישען האט זיך געמאכט א געלעגענהייט אז זיי האבען געקענט ווייטער פאהרען, דער חתן האט זי בערוהיגט, און ערקלערט אז צוריק-פאהרען וואלט געווען א אומזין, ווייל זי וועט נאר זיך איינשטעלען און קיינעם נישט ראטעווען, און אזוי האט איהם געלונגען זי איבערצורעדען אז זיי זאלען פאהרען ווייטער.

נאך צוויי האבען פאהרען פון איין רוסישען לאגער אין צווייטען זענען זיי אנגעקומען צום לעצטען רוסישען לאגער וואס האט זיך געגרעניצט מיט די עסטרייכער, און דארט האבען זיי ערפאהרען אז דאס שטעדטיל ב. וואו-הין דער רב האט זיי געהייסען פאה-רען צו נעמען פון דארטיגען רב חופה-קידושין, געפינט זיך נאך אין עסטרייכישע הענד, און עס קען פערלויפיג נישט זיין קיין רייד פון ארהינקומען אהין.

זיי האבען זיך אנגעהויבען צו אונ-טערפירען, וועגען ווייטער פאהרען, און דאן האבען זיי ערפאהרען פון די געפאנגענע עסטרייכישע זעל-נער אז דער קאמאנדיר פון עסטרייכישען מיליטער אויף יענער זייט איז דער זעלבער וואס איז געווען עטליכע יאהר ביי זיי אין שטעדטיל און פלעגט ביי ר' שלמה'ן אין היים-געשעפט כמעט יעדען טאג פערקעהרען, און איז מיט זיין הויז געווען אין בעסטע בעציהונ-גען.

זיי זענען געווען זיכער אז ווען ס'וואלט זיי נאר געלונגען צו קומען אויף דער עסטרייכישער זייט וואלטען זיי געווען געראטעוועט ווייל די עס-טרייכער וואלטען זיי געוויס נישט גע-שטערט ווייטער צו פאהרען און געלד האבען זיי ביי זיך געהאט גענוג, און פראטעקציע וועגען פערשידענע [illegible] אזוי ווייטער צו קומען האבען זיי בעשלאסען צו געהן צום קאמאנדיר פון דעם רוסישען גארניזאן, און זיך מיט איהם צו בעראטען ווי אזוי זיי זאלען קענען פאהרען ווייטער און קו-מען צו זייער ציעל קיין פעטערבורג לויט דער פשעפוסטקא, זיי האבען גע-רעכענט פון איהם צו בעטען ער זאל זיי מיטגעבען א וואך וואס זאל זיי בעגלייטען אין א אנדער רוסישען לא-גער, און מעגליך וועט זיי געלונגען אויפ'ן וועג זיך ארויסצודרעהען פון זיי, און צו ענטקומען צו די עסטרייכער.

זיי האבען זיך בעשטעלט א וויזיט ביים הויפט-קאמאנדיר פון דעם גאר-ניזאן און זענען צו איהם אוועק.

פריהער האט זיי אויפגענומען זיין אדיוטאנט, און נאכדעם ווי זיי האבען א ביסעל געווארט האט ער זיי אריינ-געפיהרט צום קאמאנדיר, וועלכער האט זיי זעהר פריינדליך אויפגענומען, און דניאל האט איהם פארגעשטעלט זייער פשעפוסטקא.

פלוצים איז מרים זעהר בלאס גע-ווארען און האט זיך אנגעהויבען טרייס-לען אז זי איז שיעור ארויסגעפאלען פון שטוהל וואו זי איז געזעסען, דניאל האט דאס בעמערקט און געוואלט זי פרעגען וואס דאס איז, אבער אין דעם מאמענט האט זיך דער קאמאנ-דיר שטרענג אנגערופען:

— וועמען נארט איהר שווינדלער? — איהר בענוצט אייך מיט א פאלשער פשעפוסטקא, דאס זענען נישט אייערע ווירקליכע נעמען.

מרים איז נאכמעהר בלאס און דער-שראקען געווארען, אבער דניאל וואס איז שוין געהאט במשך זייער נסיעה אזוי פיעל אדורכגעגאנגען האט זיך נישט פערלוירען, און האט זיך אבגערופען צום קאמאנדיר:

ווי וואגסטו אונז אין אזא זאך צו בעשולדיגען? די פשעפוסטקא איז אונזערע ארויסגעגעבען אויף אונזער איי-גענעם נאמען.

דיך קען איך נישט—האט דער קא-מאנדיר ווייטער צארנדיג געזאגט— אבער דו פרייליין מאריא מיר קענען זיך דאך יא, הא די דערקענסט מיך?

איצט איז דניאל ערשטוינט און דערציטערט געווארען הערענדיג ווי דער קאמאנדיר רופט זי ביים נאמען, און מרים האט זיך אנידער געווארפען אויף דער ערד זאגענדיג:

ענטשולדיגט הער לאפוכין, איך בין טאקי די זעלבע, אבער זייט נישט בייז און הערט אונז אויס, העלפט וויסען אז מיר זענען נישט קיין שווינדלער.

הא, דו ביזט זיך מודה מיין שעהנע מאריא, די געדענקסט ווי דו ביזט פון מיר ענטלאפען, און האסט מיך אויס-געמיטען, איך וואלט זיך געקענט מיט דיר א עצה געבען, נאר איך האב נישט געוואלט געהן געגען דעם ווילען פון מיין פאטער, אבער יעצט ביזטו אין מיין האנד, די הצלחה האט זיך געפיהרט צו מיר און איך בין גליקליך, אבער ווער איז דער יונגערמאן? — האט ער פלוצים געפרעגט.

דאס איז מיין חתן,—האט מרים געענטפערט פאסענדיג [illegible].

וואס, א חתן האסטו נאך?—ניין, דאס וועל איך נישט דולדען,—האט דער קאמאנדיר געזאגט שטרענג,— דיר וועל איך מוחל זיין דיין פערברע-כען, אבער דעם שווינדלער וועל איך נישט שענקען, באלד וועט ער זעהען וואס איך קען.

דניאל האט אויז די גאנצע צייט געשטאנען און נישט אנגעהויבען צו פערשטעהן וואס דא קומט פאר, וואס מיט פראגענדע אויגען געקוקט איינ-מאל אויף זיין כלה און אויף דעם קאמאנדיר, און מרים וועלענדיג איהם אין קורצען ערקלערען האט צו איהם געזאגט:

דער הער קאמאנדיר איז א זוהן פון גענעראל לאפוכין, וועלכער איז געווען אזוי גוטמוטהיג צו געבען אונז די דאזיגע פשעפוסטקא.

דערהערענדיג דעם נאמען פון זיין פאטער דעם גענעראל, האט זיך דער קאמאנדיר אביסעל בערוהיגט און גע-זאגט: אבער די מוזט דאך געוועלט מאריא מיר דערציילען וואס דא טהוט זיך, דערצעהל מיר, איך [illegible] אז דו ביזט שטענדיג געווען א ערליכע, און אויב דו וועסט מיר זאגען דעם ריינעם אמת, פון וואנען עס קומט צו אייך א פשעפוסטקא פון מיין פאטער אויף פרעמדע נעמען, וועל איך דיר גלויבען, נאר [illegible] זיך מיר נישט צו זאגען קיין [illegible] ליגען.

(פא. ווי. קומט.)

א פוילישע שטימע וואס דאַרף ביי אונז דערהערט ווערן.

איך וויל זיך דאָ נישט אָפּשטעלען אויף דעם פּראָבלעם פון לערנען, מלאכות און האנדווערקעריי ביי אונז יודען, וועלכעס האט זיך אָנגעהויבען ביי אונז פערשפּרייטען מיט עטליכע צעהנדליגג יאהרען צוריק, און איז דורך אלע בעהאָוספּוינינגע מענשען בעגריסט געוואָרען. איך וויל דאָ נאר אנווייזען אויף א טרויעריגע ערשיינונג וואס מען זעהט ביי אונז. פּוילישע און אמאָל געוועזענע רוסישע יודען, וועלכע בעשטעהט אין דעם וואס מיר ווילען זיך ביי יעדער געלעגענהייט פערגלייכען צו אונזערע שכנים און נאכטהון זייערע פעהלערן, וועלכעס עס קומט אויך פאר אויפ'ן געביעט פון ערציהען די יוגענד אלס פּראָדוקטיווע ארבייטס - פעהיגע מענשען, ווען מיר ווערען בעאיינפלוסט פון ארומיגען לעבען, און דאבי בעגעהען מיר א אונפערצייהליכען פעהלער,

עס האט זיך אין פוילען נאך איהר בעפרייאונג געשאפען א בעהעגונג פון בעאמטענטום. די צאהל פון די שילער וועלכע פולען אן די מיטעל און הויך-שולען ווערט כסדר גרעסער, און דאס אלץ קומט פאר, אין דעם גרעסטען טייל, מיט'ן צוועק אויסצובילדען בעאמטע.

א'יך ביי אונז יודען, נאכדעם ווי עס האבען זיך אין פערשידענע שטערט געגרינדעט מיטעלשולען, איז די צאהל פון יודישע שילער כס"ר געוואקסען— און אין רעזולטאט, נאכ'ן פערענדיגען די שולע אדער פערלאזען זי אינמיטען, בלייבען זיי, נישט האבענדיג קיין מעגליכקייטען ציציקומען צו קיין מלוכה-פאסטענ'ס, אהן פאקטישע עקזיסטענץ-מעגליכקייטען.

מיר זעהען אין דעם איצטיגען מא-מענט דאַרוּבער ערות פון א גרויסע צאהל ארבייטסלאָזע אינטעליגענטען, סטודענטען, וועלכע קענען צו קיין בע-אמטען-פּרנסה נישט צוקומען, פשוט צוליב דעם איבערפלוס און דעם געביעט פון דער פוילישער יוגענד, און זיי ווערען געשטעלט פאר דער שווערער עקזיסטענץ-פראגע.

מיר מיינען נישט דערמיט אונטערצושאַצען די מיטעל בילדונג אדער בילדונג בכלל, דאס וואס עס איז פאר אונז זעהר א וויכטיגער פאקטאר, אבער נישט קיין לעבענס - צוועק — דען די בילדונג מוז ווערען פערפאלקאָממט מיט א געוויסען פאך און ארבייטס מעגליכקייטען, וואס דארפען שאפען א לעבען פאר דער אויפוואקסענדער יוגענד.

עס ווענען דער דאזיגער ערשיינונג האבען מיר די טעג געהערט זעהר א אינטערעסאנטע פוילישע שטים, וועלכע דארף ביי אונז אין אונזער יודישען לעבען אויף אונזער אופן דערהערט און פערשטאנען ווערען.

די צייטונגען דערצעהלען דאס בעת דער פייערליכער ערעפנונג פון דעם שול-יאהר אויפ'ן קראקאווער אוניווערזיטעט, האט דער רעקטאר, איינער פון די גרעסטע געלעהרטע אין פוילען, אנשטאט א פייערליכע בעגריסונגס-רעדע צו די פערזאמעלטע סטודענטען, געהאלטען פאר זיי א גרויסע שטראָף-רעדע און צווישען אנדערן געזאגט: „צופיעל האט איהר זיך דא פערזאמעלט, און צו גרויס איז די צאהל פון די וואס ווילען נאך דא אַריינקומען".

און אין זיין רעדע און אויפריכטיגע רעדע האט דער דאזיגער פּראָפעסאָר אנגעוויזען, אז שוין צופיעל בעאמטע האָט פוילען און צו גרויס איז די צאהל פון די וועלכע ווילען בעאמטע ווערען.

„א פאלק מיט א ריאלען לעבענס בליק, ווי עס דארף איצט ווערען פוילען, דארף אלץ מעהרערע מאסען מענשען האבען אלס בעלי - מלאכות, האנדווערקער אדער מענשען וואס קאנען זיך אליין פערדינען און נישט זיין אנגעוויזען אויף אמט'ס גרויס".

און ער שליסט אויס מיט פאלגענדע: „איבערגרייסען מיט דער טראדיציע פון פאלשע אמביציעס, מען מוז אויפהערען צו גלייבען, דאס אנ'צונעמען פון אוניווערזיטעט שטעלט מיט זיך פאר א גרעסערע געזעלשאפטליכע ווערט ווי א סוחר, א האנדווערקער אדער א פראפעסיאנעלער ארבייטער, מען דארף דאס פערשטעהן און אויסבילדען די יוגענד אין פראפעסיאנעלע שולען, מען דארף אדורכפארשען דעם גאנצען מאטעריאל פון די וועלכע ווילען אנקומען אין די הויך-שולען, און ארויסלאזען די יעניגע וועלכע וועגען דאצו נייטיג ענטשפרעכענד אין בערופען".

מיט אזאלכע שפראך-ווערטער האט דער רעקטאר פון דער קראקאווער אוניווערזיטעט בעגעגנט די גרויסע צאהל סטודענטען, וועלכע האבען אנגעפולט זיין אודיטאריום.

איז עס בלויז א מיינונג פון עפּיס א געלעהרטען? — מיר האלטען אז דערין ליגט א גרויסע אויפגאבע, וועלכע די איצטיגע צייט לעגט אויף אונז ארויף, מיר האלטען אז נאך די פערשידענע לעבענס-ערפאהרונגען, וועלכע דאס יודישע פאלק האט אין די לעצטע צעהנדליגער יאהרען אדורכגעמאכט, וועט זיין זעהר און זעהר וויכטיג ווען מיר וועלען די דאזיגע שטים נעהארכען צו דער פוילישער געזעלשאפט, ארײַבערטראָגען אין דעם יודישען לעבען.

אויך ביי אונז מוז אויפגעהויבען ווערען א שטים פאר'ן ווערנען צו פּראָדוקטיוויזירען די יודישע יוגענד, אויסצובילדען זיי אלס געזונטע מענשען וואס פערמאגען אויסער געסטיגע בילדונג, אויך די נעהעריגע פאך-בילדונג און פאך - קענטנים, וועלכע וועגען נויטיג אין קאמף פאר'ן דאזיין, פאר דעם טעגליכען ברויט און עקזיסטענץ.

און ווי זעהט אויס ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו אין דער ווירקליכקייט?

אין א געשפרעך מיט'ן דירעקטאר פון דער היגער יודישער האנדווערקער-שולע האט ער אונז ערקלערט אז אין דער דאזיגער שולע איז פערהאנען א גרויסע צאהל לעהרע פלעצער אבער קיין גענוג שילער מעלדען זיך נישט.

דאס איז זעהר א טרויעריגע ערשיינונג, ווארום קיינמאל ווי אין איצטיגען מאמענט האבען מיר זיך איבערצייגט אין דער וויכטיגקייט פון דער דאזיגער שולע. קיינמאל ווי איצט פערשטעהען מיר און דארפען אבשעצען די אונגעהויערע וויכטיגקייט פון ערציהען א האנדווערקער - אדער ארבייטס-פעהיגען דור.

דאס איז איצט פאר אונז דאס געבאָט פון דער שעה, ווארום ווען די פוילישע געזעלשאפט וועקט זיך דערצו, דארפען מיר שוין פון לאנג וואך זיין פאר דער דאזיגער פראגע.

X.

דער היגער יודישער סוחרים-פעראיין געגען ריטשאַלטירען דעם אומזאץ-שטייער.

שבת שעה אנדער איז אין לאקאל פון היגען יודישען פאבריקאנטען און סוחרים-פעראיין פערזאמעלט א גרויסע פערזאמלונג געווידמעט דער פראגע פון דעם פראיעקט וועגען ריטשאלטירען דעם אומזאץ-שטייער פאר קליינע סוחרים פון 3 און 4 קאטעגאריע, און בעלי-מלאכות פון 7 און 8 קאטעגאריע.

די דאזיגע פראגע האט, ווי בעוואוסט ארויסגערופען די גרעסטע פעראינטערעסירונג אין די קרייזען פון הענדלער און בעלי-מלאכות, אין גאנצען לאנד קומען פאר פערזאמלונגען און בעראטונגען וועגען דער דאזיגער פראגע און כמעט אומעטום זאגען זיך די סוחרים און האנדווערקער - קרייזען ארויס געגען איינפיהרען דעם דאזיגען ריטשאלט סיסטעם.

די פערזאמלונג עפענט דער פרעזעס ה' שפילער וועלכער ווייזט אן אויף דער אונגעהויערער וויכטיגקייט פון דער דאזיגער פראגע פאר די סוחרים און האנדווערקער, און דאן ווערט אבגעגעבען א בעריכט פון דער קאנפערענץ פון אלע יודישע סוחרים אין פוילען וואס איז פארגעקומען וועגען דער דאזיגער פראגע אין דער צענטראלע פון סוחרים - פעראיין אין ווארשא.

דער רעפערענט פון היגען סוחרים-פעראיין וואס איז געוועזען אנוועזענד אויף דער קאנפערענץ האלט א לענגערע רעדע אין וועלכער ער גיט א גענויען און אלזייטיגען איבערבליק וועגען דעם פראיעקט פון ריטשאלט בכלל, אנווייזענדיג אויף זיינע גוטע און שלעכטע זייטען, ווי אויך אויף די פערשיידענע נישט קלארקייטען וואס קענען פערטאן אין דעם אוטמאט, און אויף דער סתירה וואס הייסט זיך ארויס צווישען דעם אוטמאט און דער אויספיהרונגס-פעראָרדנונג, וואס איז צו איהם צוגעגעבען.

דער רעדנער ווייזט אויך אן אויף דעם פראיעקט פון דער צענטראלע וועלכער איז פאר'ן איינפיהרען דעם ריטשאלט בלויז פאר קליינע סוחרים און קלענערע האנדווערקער, ד. ה. פון 3-טע און 4-טע קאטעגאריע האנדעלס-פאטענטען און 7, 8 קאטעגאריע אינדוסטריע-פאטענטען, אזוי אז דער שטייער וועט צוטיילט געוואָרען גלייך צווישען אלע אונטערנעהמונגען פון יעדער קאטעגאריע וואס עס איז אומבעדינגט א גרויסע עולה, ווייל די שטייערן פון גרעסערע סוחרים פון 3-טע קאטעגאריע וועלטען געמוזט דעקען די קליינע הענדלער, און דאס וועלט זיי דערפיהרט צום פאקטישען רואין.

אויף דער איבערגעריטענער קאנפערענץ האבען זיך בעטייליגט אלע דעלעגאטען פון די סוחרים-פעראיינען פון קאנגרעס פוילען און גאליציען ארויסגעזאגט ענטשידען געגען איינפיהרען דעם דאזיגען ריטשאלט. בלויז די פעראיינען פון די קרעסען האבען צוגעשיקט שריפטליך זייער פאזיטיווע בעציהונג צו דעם דאזיגען סיסטעם, דאס הייסט צום סוף ה' אן שטולער.

עס זאגען זיך ארויס וועגען דער פראגע די ה"ה: קראמאלאווסקי, ראבער און אלטמאן, וועלכע טרעטען שארף ארויס געגען דעם איינפיהרען דעם ריטשאלט-סיסטעם, וועלכער קען פאר'ן סוחר'טום זיין געפעהרליך.

אין רעזולטאט ווערט מיט א גרויסער מעהרהייט שטימען אנגענומען א רעזאלוציע וואס בעשליסט אז דער דאזיגער ריטשאלט-שטייער דארף אומבעדינגט אבגעשאפט ווערען.

פערזעהנליכעס.

די היגע אפּטאווינער ירמיהו גיסלער און יחיאל זילבערבערג, געוועזענע שילער פון היגע יודישע גימנאזיע, האבען געענדיגט דעם יורידישען פאקולטעט פון ווארשאווער אוניווערזיטעט און האבען בעקומען דעם טיטול פון רעכט'ס מאגיסטער.

וועגען דעם ערלעדיגען אינטערעסאַנטען אין סטאַראָסטווא.

ווי בעוואוסט האט דער אינערן-מיניסטער ארויסגעגעבען א נייע פעראָרדנונג וועגען דעם ווי אזוי עס דארפען ערלעדיגט ווערען אינטערעסאנטען אין סטאראסטווא.

דער דאזיגער צירקולאר איז אויך צוגעשיקט געוואָרען דער היגער סטאראסטווא.

צווישען אנדערען ווערט אין דער פעראָרדנונג געזאָגט: אין סטאראסטווא דארף ווערען איינגעארדענט א ספּעציעלע גרויסע שטוב מיט בענק אין וועלכער יעדער בירגער האט דאס רעכט אריינצוגעהן פון 9 א זייגער פריה. איינמאל ווען ער וויל פערזעהנליך ערלעדיגען א פראגע מיט דעם סטאראסטא זעלבסט.

אין דעם צירקולאר ווערט אנגעמערקט דאס דער דיענער, וועלכער וועט עמיצען נישט געוואלט אריינלאזען אין סטאראסטווא, אדער וועט זיך אבגעזאגט אנצוהערען דאס ענטשפרעכענדע ציממער, דארף זאָפאָרט בעשטראפט ווערען.

האלב 10 איינגערפריה קומט אריין אין דער דערמאהנטער ווארטע - שטוב דער שעף פון דער קאנצעלאריע פון סטאראסטווא מיט א ביכעל אין וועלכען ער נאטירט דעם נאמען, אדרעס און פראגע וועלכע דער אינטערעסאנט דארף ערלעדיגען.

10 א זייגער קומט אן דער סטאראסטא אדער זיין פערטרעטער, ווען דער סטאראסטא קומט אריין אין שטוב דארפען זיך אלע אנוועזענדע אויפשטעלען. גלייכצייטיג ווערט פאר דער טהיר אויסגעהאנגען א מלוכה - פאהן, וועלכער בעדייט אז דער סטאראסטא נעמט איצט אן.

דער סטאראסטא הייסט דאן אלע זעצען און גייט ארום כסדר צו אלע פערזאמעלטע, אויסהערענדיג זייערע פערלאנגען וועלכע ווערען באלד נאָטירט צוזאמען מיט'ן בעשלוס פון סטאראסטא.

דאס ערלעדיגען די אינטערעסאנטען דויערט פון 10—12 פארמיטאג.

צום סוף פון דער דאזיגער פעראָרדנונג איז נאך אנגעמערקט דאס זי דארף צוגעפאסט און אדורכגעפיהרט ווערען אין גאנצען לאנד, אהן אויסנאהם פון געגענער, דאס ווערט גאנץ שטארק אונטערגעשטראָכען.

עס ווערט אויך אונטערגעשטראָכען דאס אונבעדינגטע בעהאנדלען און פראקטיצירען אלע בירגער אהן אויסנאהם אויף א גלייכען און שטרענג גערעכטען אופן, אהן שום אויסנאהם.

דאס זעלבע דארף דער סטאראסטא אנווענדען אויך אין בעצוג צו אלע בעאמטע, וועלכע דארפען אלע בירגער אויף א גלייכען אופן בעהאנדלען.

די אינטערעסאנטען דארפען ווערען דירעקט, שנעל און אויף א האוגעט-פײַרשיגען און גערעכטען אופן ערלעדיגט, ווארום דאס איז דער פליכט און אויפגאבע פון יעדען סטאראסטא.

דאס צונעמען אינצעלנע אינטערעסאנטען ביי זיך אין קאבינעט ערלויבט דעם סטאראסטא נאר אין אויסנאהמס-פעלען, ביי פראגען פון ספּעציעלער וויכטיגקייט, אבער פאר קיין פאל נישט אין די אויבענדערמאהנטע שעה'ן.

דער אינערן-מיניסטער בעפאלמעכטיגט אויך יעדען בירגער, וועלכער וועט אין משך פון 3 טעג נישט ווערען ערלעדיגט דורכ'ן סטאראסטא, ארײַנטראגען דירעקט אויף דער הענד פון אינערן-מיניסטער אנ'אנקלאגע בריפליך אדער טעלעגראפיש.

Jaś i Halka.

10. Błyszczeć i oszczędzać . . .

„Wiesz ty jak walizkę
Trzeba pielęgnować?
Otóż: pastą Erdal*)
Lekko wysmarować,
Szczotką wlot wyświecić
I płatkiem wygładzić. —
Nikt ci lepiej, Halko,
Nie może doradzić".

*) *„ERDAL" z czerwoną żabą — to prawdziwe dobrodziejstwo dla skóry.*

דער מענטש און דער לייב.

עגיפּטישע מעשה.

אויף א בארג האט אמאל געוואוינט א גרייסער לייב, וועלכער האט גרויסע שטארקעס געהאט און פעלדער ארום און ארום בעטראכט פאר זיין אייגען לאנד, וואס געהערט צו זיין אימפעריע.

איין מאל איז ער געגאנגען שפאצירען, איז א ראב געקומען צו פליהען איהם אין וועג.

— ווער ביזטו? — האט דער לייב געפרעגט, דערזעהענדיג דעם אומבעקאנטען פויגעל.

— איך בין א ראב— האט ער געענטפערט—דער מענש האט מיך פעריאגט, ער האט גענומען א ביקס און אויף מיר געשאסען.

דורך דעם ראב, האט דער לייב צום ערשטען מאל דערהערט אז עס זיינען פערהאן מענשען. איז דער לייב געגאנגען אין דער היים, נאכטראכטענדיג וואס פאר א מין בעשעפעניש דער מענש קאן זיין. פלוצים דערזעהט ער א שטויב- וואלקען—אנ'אייזעל איז אנגעלאפען.

—וואס ווילסטו, אויב דער ביזטו אפשר דער מענש? — האט איהם דער לייב געפרעגט.

— אך, ניין מיין גרויסער האר, איך בין אנ'אייזעל — האט ער איהם געענטפערט.

— וואס ווילסטו, און נאך וואס ביזטו געקומען אהער?

— איך בין פון מענשען אנטלאפען, ער האט מיך געשלאגען און גרויסע לאסטען אויף מיר אנגעלעגט.

און נאך אמאל האט דער לייב געזעהן מענשען זיך פערטראכט און נישט געקאנט בעגרייפען וואס פאר א בעשעפעניש דאס קאן זיין.

איז א פערד אנגעלאפען איהם אין וועג.

— וואס ווילסטו דא? ביזטו אפשר דער מענש? — האט דער לייב געפרעגט בייס פערד.

— ניין, מיין גרויסער האר — האט געענטפערט דאס פערד — איך בין נאר וואס פון מענשען אנטלאפען.

— פארוואס ביזטו אנטלאפען?

— ער האט א שטיק לעדער מיר געלייגט אויפ'ן רוקען און זיך געזעצט רייטען אויף מיר, און מיט זיינע פיס געדריקט מיינע זייטען. האב איך איהם פון זיך ארונטערגעווארפען און בין אנטלאפען.

האט ווידער דער לייב זיך פערטראכט וועגען מענשען ביז א קאמעל איז געקומען איהם אין וועג.

— ווער ביזטו, ביזטו דאס אפשר דער מענש? — האט דער לייב געפרעגט דעם קעמעל.

— אך ניין, מיין גרויסער האר, איך בין דער קעמעל. דער מענש האט מיר אויף מיין רוקען א הילצערנע שטיבעל אויפגעבויט. דעקעס זיך אונטערגעבעט און זיין גאנצען האב און גוטס אנגעפאקט אויף מיר. נאכדעם האט ער מיך געצוואונגען צו קניהען פאר איהם און זיך געזעצט אויף מיר זעצען. האב איך אלץ פון זיך אראבגעווארפען און בין אנטלאפען.

האט דער לייב געפרעגט און געטראכט וועגען מענשען און נישט געקאנט פערשטעהען וואס פאר א מין חיה דער מענש קאן דאס זיין, וואס ער קאן אלעמען מאכען אונטערטעהניג מיט אזא געוואלד און איבער אלעמען געוועלטיגען...

און אט איז אנגעקומען א בעשעפעניש אויף זיין וועג, וואס האט געטראגען אונטער'ן ארעם העלץ און האנדגעצייג.

— ווער ביזטו? — האט איהם געפרעגט דער לייב, צוקומענדיג נאהנט נעבען איהם.

— א טישלער בין איך, הער לייב!

— און וואס ווילסטו מהון מיט'ן העלץ דא?

— דער הערשער און קעניג—דער סולטאן—האט מיך בעשטעלט פאר איהם א בעט צו מאכען.

— עס איז נישטא קיין קעניג און הערשער א חוץ מיר!—האט דער לייב געענטפערט מיט גרויס ערגער און כעס—איך בין דער קעניג און סולטאן, מאך דאס בעט פאר מיר!

איז דער טישלער גלייך צוגעטרעטען צו דער ארבייט און האט פון דעם העלץ געמאכט א גרויסען, שעהנעם קאסטען, און אז דער קאסטען איז פערטיג געוואָרען, האט ער געזאגט צום לייב:

— הער, לייב, דער קאסטען איז דאס בעט פאר אייך, איהר קאנט ארייננעהן.

איז דער לייב אריין אין קאסטען, אויסגעשטרעקט זיך הין און צוריק און דאס בעט איז איהם שעהן געפעלען געוואָרען. אבער אז ער האט געוואלט ארויס פון קאסטען, האט ער דערזעהן אז ער איז פערשלאסען.

— מאך אויף דעם קאסטען!—האט דער לייב מעכטיג בעפוילען.

— ניין, דאס וואר וועל איך נישט מהון, דו ביזט מיין געפאנגענער—האט איהם געענטפערט דער טישלער.

— אך, איצט דערקען איך דיך — האט געברילט דער לייב — דו ביזט דאס דער מענש.

יורוש—פון רחל לוריע.

א קריסטליכער שילער פון דער יודישער האנד־ווערקער־שולע וויל בעגעהן זעלבסטמארד.

אין דער יודישער האנדווערקער־שולע האט געטראפען פאלגענדער גע־ווירונגס־ווערטער צופאל:

די פאבריק פון מאטמעטען וואס גע־הערט צו די ח"ה מארקוספעלד, האט טעלעפאנירט אין דער האנדווערקער־שולע אז מען זאל שיקען אין פאב־ריקס־קאנטאר א עלעקטראמאנטער צו פערריכטען די עלעקטרישע אינסטא־לאציע, דער דירעקטאר האט באלד געשיקט אהין איין יודישען שילער און איין קריסטליכען פון דער עלעקטרא־טעכנישער אבטיילונג, וועלכע האבען די ארבייט אויסגעפיהרט.

דעם זעלבען טאג נאכמיטאג האט די פאבריק טעלעפאנירט אין דער שו־לע, אז די ביידע שילער בעת'ן ארביי־טען האבען זיך געשפילט מיט דער שרייב־מאשין און האבען זי קאליע געמאכט, נאכדעם ווי ביידע שילער האבען זיך מודה געווען האט דער דירעקטאר אויסגערעכנט זיין בעדויערען צוליב דער לייכטזיניגקייט פון די שילער און געבעטען צו לאזען די שרייב־מא־שין פעררוכטען אויף דעם רעכנונג פון דער האנדווערקער־שולע.

צו מארגענ'ס האט די פאבריק צו־געשיקט דער שולע א רעכנונג אויף 30 זלאטעס, וואס זי האט בעצאהלט פאר'ן רעפערירען די שרייב־מאשין.

דער דירעקטאר האט דאן גערופען די צוויי שילער און זיי ערקלערט אז דעם שאדען פון 30 זלאטעס מוזען זיי בעצאהלען יעדער צו 15 זל., אויף וואס דער יודישער שילער האט איינ־געשטימט, און האט באלד פון דער היים געבראכט עטליכע זלאטעס א קאנטע, און דער קריסטליכער שילער האט געענטפערט אז ער האט נישט קיין געלד און וועט די 15 זלאטעס נישט בעצאהלען.

אויפ'ן צווייטען טאג אין דערפריה ווען איינער פון די ארבייטער האט גע־וואלט אריינגעהן אין דער עלעקטרא־טעכנישער אבטיילונג האט ער געטרא־פען די טיער פערשלאסען, האט ער גע־פרובט מיט א פעסטען שטויס די טיער צו עפענען מיינענדיג אז איצט דארף די טיער עפען זיין, האט זיך די טיער ווירקליך געעפענט און ער האט געזעהען א שרעקליך בילד: דער זעלבער קריס־טליכער שילער איז געלעגען אויסגע־צויגען אויף דער ערד, אהן שום סימנים פון לעבען, און אויפ'ן הארץ האט ער געהאט צוגעקלעבט א קוויטעל: „צוליב דער אונמענשלישער האנדלונג פון די־רעקטאר פון איך גענומען מיר דאס לעבען צו לעבען".

עס איז געווארען א געוואלד אלע ווענען זיך צוזאמענגעלאפען, מען האט באלד טעלעפאנירט אין יודישען שפי־טאל, פון ווענען ס'איז געקומען א דאקטאר מיט עטליכע קראנקען־טרעגער, און ערשט נאך עטליכע שעה אנשטרענגונג און אויפוועקען פערשי־דענע מיטלען איז געלונגען דעם זעלבסט־מערדער אבצוראטעווען.

מיר געבען יעצט איבער דעם טרוי־ריגען פאקט אהן פירושים, אבער צו דער עצם פראגע פון צונעמען קריס־טליכע שילער אין א יודישע שולע וועלען מיר זיך נאך אומקערען.

די דאזיגע פראגע איז בעריהרט גע־ווארען אויף איינע פון די לעצטע זי־צונגען פון קהלה־ראט, מיר האבען וועגען דעם אין דער עפענטליכקייט נישט געוואלט רעדען, האלטענדיג אז דאס איז נישט קיין פראגע וואס קען אין דער עפענטליכקייט בעהאנדעלט ווערען, נאך דעם איבערראשענדען פאקט מוז מען אבער שוין די פראגע אלזייטיג בעהאנדלען.

נייע סטעמפעל־אבצאהלען.

לויט דער נייעם אוסטאווע וועגען סטעמפעל־אבצאהל וועט דער דאזיגער אבצאהל געענדערט ווערען אויף פאל־גענדען אופן: פון א ביטע וועט קאס־טען 3 זל., פון יעדען איינציגען עק־זעמפלאר וואס ווערט בייגעלעגט צו דער ביטע צו 50 גראשען.

פון רעכנונגען פון אלעלע פירמעס וואס האבען פאטענטען צו 2/100 פראצ. פון דער גרויס פון דער סומע, פון פערזאנען וואס האבען נישט קיין פא־טענטען 1 פראצ. פון דער סומע, פון בעפאלמעכטיגונגען 3 זל.

רעכנונגען ביז 10 זל. וועלען אינ־גאנצען פריי פון אבצאהל.

קוויטונגען ביז 50 זל. וועלען פריי פון אבצאהל, איבער 50 זל.—20 גר.

וועקסלען ־ אבצאהל: ביז 50 זל. וועט קאסטען 20 גר., און ווייטער פון יעדע הונדערט צו 30 גר.

דער נייער אבצאהל זאל פערפליכ־טען פון 1 יאנואר 1927.

זעהר וויכטיג פאר ארימע חויט־קראנקע.

די אבטיילונג פון „טאז" פאר דער לעדונג וועיעאודטסחא האט צוגע־שיקט צו דער היגער יודישער גמ"ח א צירקולאר אין וועלכען ס'ווערט גע־זאגט אז די דאזיגע אבטיילונג האט בעשלאסען אויסצוהיילען אלע ארימע חויט־קראנקע (פארך) גאנץ אומזיסט, דורכ'ן רענטגען־בעשטראהלען קוואריץ־לאמפען אין בינ־לאמפען אין לאקאל פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל אין לאדז (נוי־מארגנאסא 1—3).

אין צירקולאר ווערט דאריבער גע־בעטען דאס צו געבען צו קענטניס דער היגער ארימער יודישער בעפעל־קערונג, וועלכע דארף זיך מיט דער געלעגענהייט צו בענוצען, און אויס־היילען די שרעקליכע קראנקהייט.

עס ווערט אויך גלייכצייטיג בעמערקט אז די גאנץ אונפערמעגליכע וואס וועלען ברענגען א צייגניס פון דער גמי־לות חסד אז זיי זענען ארים און האבען נישט אויף הוצאות, וועט „טאז" בע־צאהלען פאר די באהן־בילעטען נאך לאדז און צוריק פאר זיי, און ביי קליי־נע קינדער אויך פאר זייערע בע־גלייטער.

ענדערונגען ביים איבערטראגען זיך פון די מעלדונג'ס־ביכער (פשעשעדלעניעס).

די היגע אדמיניסטראציאנ'ס מאכט האט ערהאלטען נייע פעראָרדנונגען וועגען אדורכפיהרען דאס איבערטרע־רען בירגער פון די מעלדונג'ס ביכער פון איין קרייז אין א צווייטען (פשע־מעלדעניעס).

צו דעם צוועק דארפען די פער־אינטערעסירטע פערזאנען ארויסבע־קומען פון סטאראסטווא פון דעם קרייז אין וועלכען זיי ווילען זיך אהער אי־בערטראגען, א בעשייניגונג וועלכע ווייזט אז דער פאציענט קען ווערען אין די מעלדונג'ס־ביכער פון דעם היגען קרייז איינגעשריבען.

העכערגרויג מוז בעשייניגונג נים ארויס אויף דעם דאזיגען פסק די סטא־ראסטווא פון וועלכע דער פאציענט דארף ווערען אויסגעמעלדען אנ'עהנ־ליכע בעשייניגונג, דאס זיי זענען מסכים אויסצושרייבען די פע־זאן פון דעם דארטיגען קרייז.

און דאן קאן ערשט פארקומען דאס איבער־ און איינמעלדען.

ווי מען מעלדעט אונז איז ביז איצט איבערהויפט נישט מעגליך געווען קיין איבערמעלדונג, עס איז אין דעם פאל נישט פערהאן געוועזען קיין שום פעראָרדנונג. אין פיעל פערזאנען, וועלכע האבען אזעלכע איבערמעלדונגען געהאלט אדורכפיהרען, וואוינענדיג אין אונזער שטאדט שוין צעהנדליגער יאהרען, האבען עס נישט געקאנט טהון.

איצט וועט עס ביי געוויסע שוועריגקייטען, אבער דאך קאנען אדורכ־געפיהרט ווערען.

טעאטער נייעס.

די וואך קומט צו אונז אויף 2 נאכטשפילען די פראכטפולע ווארשא־ווער אפערעטען טרופע פון קאמינ־סקי'ס טעאטער, אונטער דער פיהרונג פון ה' ווייכבערג, מיט'ן אנטייל פון דעם בעריהמטען און בעקאנטען פאר: מארגאט זאריצקא און ש. ראזען, און נאך אנדערע בעדייטענדע קרעפטען, ווי די ה"ה באלבירסקי, מאכאראווסקי, די דאמען סעגאל, מאלאראווסקא, קרויזע־מילער א. א. אזוי אז פון דעם אנסאמבל ארטיסטישע קרעפטען איז צו ערווארטען א גוטען ערפאלג אזוי גייסטיג ווי מאטעריעל.

די טרופע וועט ביי אונז געבען נאר צוויי פארשטעלונגען פרייטאג אווענד און שבת בייטאג, ווייל שבת אווענד איז דער טעאטער־זאל פערנומען.

זיי גיבען אבער דוקא די שענסטע אפערעטען פון יודישען רעפערטואר דאס איז די פרעהליכע „רומענישע חתונה" און די בעריהמטע „קאווקאזער ליעבע", וועלכע צייכענען זיך אויס מיט איהר הערליכער מוזיק.

עס איז צו האפען, אז דאס פובלי־קום וועט פערשטעהן ווי אפצושאצען דעם דאזיגען חזיון, און זיי בעשענקען מיט דעם געהעריגען ערפאלג.

די קינדער דארפען אבגעהיטען ווערען.

זעהר פיעל האבען אויסצושטעהן די יודישע קינדער, וועלכע לערנען אין די פאלק'ס־שולען, וואס איז אויף דער קראקאווער גאס נומ. 15.

טאג טעגליך אין איינער און בייטאג ווען די שילער געהען אהיים פון דער שולע, ווארטען זיי אן ספעציעלע גרו־פעס פון יונגע קריסטליכע חוליגאנעס, בעווארפען זיי מיט שטיינער, שלאגען זיי און טהוען אן די אונבעהאלפענע קינ־דער פערשידענע שטיקלעך.

דאס ווידערהאלט זיך יעדען טאג, און פערשטעהט זיך אז וואס טאג נעמט דאס אן ברייטערע פארמען, די אנפאלער ווערען וואס א טאג אלס דרייסטער און ווילדער ביי זיך, אזוי אז זיי האבען זיך די וואך שוין ער־לויבט אנצופאלען פשוט אויף די קליי־נע יונגע שילער און זיי געהעריג צו־שלאגען, עס זענען דאביי געוועזען עטליכע פאלען, וואס די חוליגאנעס האבען אייניגע שילער מיט מעסער'ס צושניטען די מלבושים און זיי געשלא־גען מכת רצח.

מיר ווילען נישט אננעהמען אויף דעם פאקט, וואס די שולע געפינט זיך אין זעלבען הויז פון דעם פאליציי קאמי־סאריאט, וועלכע וואלט געדארפט וואך זיין אויף אזעלכע אנפאלען, אבער אויב עס ווערט ביז איצט נישט געטהון, דארפען די היגע מאסגעבענדע יודישע קרייזען, ווי די יודישע געמיינדע אינטער־ווענירען ביי דער היגער זיכערהייט'ס מאכט וועגען פערזיכערן און פערהי־טען די יודישע קינדער פון אלערליי חוליגאנישע אנפאלען.

דאס פאדערן און פערלאנגען די עלטערן, וועלכע האבען זיך צו אונז אין רעדאקציע וועגען דעם געווענדעט.

דאס דארף באלד געטהאן ווערען, וואריום קיין יודישע קינדער זענען נאך נישט הפקר, און מוזען אבגעהיט און פערזיכערט ווערען פון פערשידענע בייזוויליגע אנפאלען פון וועמען זיי ווילען נישט קוקען

דער הויבט אן ווייזען זיין אמת'ן פרצוף.

דער היגער „קוריער צארוויעני" וועל־כער איז דער ארגאן פון די היגע כא־דעקעס, וואס עס וואנט שוין לאנג בולט, וואספערע בעציהונג ער האט צו יודען, וואס זיך ביז לעצטענ'ס פער־האלטען פאסיוו, און נישט אנגעריהרט דערט וואו מען דארף נישט קיין וו־דען.

אבער אין די לעצטע ניטערן הויבט זיך שוין אן פון צייט צו צייט ווי־זען זיין חויר פיס'ל. ער דערצעהלט שוין וועגען צוויי עולות וואס זענען געשעהן די היגע קריסטען, דורכדעם וואס צוויי חברים ווענען א בערנאגיזע אין יודישע הענדע, און נאך אזעלכע עהנליכע פאקטען.

דאס טעכנישע ביורא „עלעקטראן", אלעע 37.
אינהאבער אסיאס וויען און אינזש. י. גאלדשטיין
בעזיצט אויף לאגער ערשטקלאסיגע עלעקטרישע געברויכס ־ אר־טיקלען. שטעלט צו און אינסטאלירט שוואך־שטראם־ארטיקלען,
מאכט בעקאנט אז זי נעמט אן:
עלעקטראפיצירונג פון פאבריקען ־ אונטערנעהמונגען ליכט ־ אינסטאלאציעס אין וואוינונגען.
ווי: ראדיא־אפאראטען, טעלעפאן א. א. וו.
טעכנ. עצות און אנווייזונגען אומזאנסט און בינדען נישט דעם קונה.

פון יודישען טורן־ און ספארט־פעראיין.

דער ענטוזיאסטירענדער זייט 12 יאהר און פערדינטער יודישער טורן ־ און ספארט פעראיין, איז לעצטענ'ס צוגע־טרעטען צו אינטענסיווער ארבייט.

מיר ווערען געמאכט אז די לייטונג פון גימנאסטיק נעמט איבער א ער־פאהרענער אינסטרוקטאר וועלכער איז ספעציעל דעלעגירט דורך דער צענטראלע אין ביעלסק, און עס איז צו האפען אז די ארבייט אין דער גע־זעלשאפט וועט געשטעלט ווערען אויף דער געהעריגער הויך.

די סעקציע, פון י. מ. [illegible] חולענ־דיג געבען די מעגליכקייט [illegible] טורנען אלע אהן אויסנאהם, טאמע פערשידע־נע קאטעגאריען פאר מענער, פרויען, יונגע און קינדער אין עלטער פון 6 ביז 10 יאהר.

די איבערערגיסטרירונג פון אלטע און רעקלאמירונג פון נייע מיטגלידער קומט פאר טעגליך אין סעקרעטאריאט.

א „טאג פון שפארזאמקייט" אין טשענסטאכאוו.

דעם 31־טען ה. ח. קומט אויס די צעהנטע יאהרצייט פון דעם שליסען פון דעם אינטערנאציאנאלען שפאר־זאמקייט'ס קאנגרעס, וועלכער איז אין יאהר 1924 פארגעקומען אין מעדיאלאן.

אויף דעם דאזיגען קאנגרעס איז בעשלאסען געווארען דאס דער טאג פון זיין שליסען זאל בעשטימט ווערען אלס א טאג פון פייערן און פערשפריי־טען דעם געדאנק פון שפארזאמקייט.

פאריגעס יאהר האבען דעם טאג געפייערט 27 מלוכות אין אייראפא, פוילען האט זיך דאמאלס נישט פעראינ־טערעסירט, ערשט אין דעם איצטיגען יאהר איז אין ווארשא ענטשטאנען א צענטראל קאמיטעט, וועלכער ארגא־ניזירט אין גאנץ פוילען דעם „שפאר־זאמקייט'ס־טאג". אויך אין טשענסטא־כאוו וועט דער דאזיגער טאג אויף א געהעריגען אופן געפייערט ווערען. עס ווערט דאצו אויסגעארבייט און צו־געגרייט א גאנצער פראגראם.

ווער איז הערש מאיראוויטש?

אין דער היגער יודישער קהלה איז אנגעקומען א בריעף פון דער יודישער צענטראלע עמיגראציע־געזעלשאפט אין פוילען, אין וועלכען ס'ווערט געזאגט אז זיי האבען דערהאלטען א איינוואנדערונגס ערלויבניש קיין קאנאדא פאר א געוויסען הערש מאיראוויטש פון טשענס־טאכאוו וועלכע איז אויסגעארבייט גע־ווארען דורך זיין שוואגער.

אזוי ווי זיי האבען אבער נישט מאיראוויטש'ס גענויע אדרעס, איז דער בריעף וואס זיי האבען צו איהם געשריבען צוריקגעקומען, און דאריי־בער בעטען זיי די געמיינדע דעם אוי־בענדערמאנטען אויפצוזוכען.

אויב דער הערש מאיראוויטש גע־פינט זיך אין טשענסטאכאוו, דארף ער זיך מעלדען אין דער גמינע אבצונעמען דעם בריעף פון דער עמיגראציע־גע־זעלשאפט מיט די נויטיגע דאקומענ־טע.

פון „הפנה העברית".

מיר האבען אין זייער צייט געמעל־דעט וועגען דער „הפנה העברית" וואס האט זיך געגרינדעט ביי אונז אין שטאדט מיט'ן צוועק צו פערשפרייטען די העברעאישע שפראך און קולטור צווישען דער יודישער יוגענד אין שטאדט, וועלכע איז אבער לעצטענ'ס נישט געוועזען טעטיג.

איצט בעט מען אונז מיטצוטיילען אז דעם פערגאנגענעם שבת איז אין לאקאל פון אגודת ־ הציונים פארגעקו־מען א חברים פערזאמלונג וועלכע האט גענומען דעם ציעל צו בעגיינען די טע־טיגקייט פון דער „הפנה" און צוזאמע־טען צו אינטענסיווע ארבייט אויף דעם געביעט.

די פערזאמלונג האט בעשלאסען צו־צוטרעטען צו ענערגישע ארבייט אין דער פארם פון שאפען קורסען ־ פאר־לעזונגען, און לערנען דעם יסוד פאר א העברעאישער פאלקס־שול. עס איז געשאפען געווארען א צעהנגליעדריגער קא־מיטעט פון פאלגענדע פערזאנען: פראט. יאנאווסקי, מגר. גינלער, פסוד. רא־זענטאל, א. שינער, און ל. ברוין, וועלכער האט אנגעפאנגען מיט דער ארבייט לויט א בעשטימטען פלאן אויפ'ן יסוד פון די דורך [illegible] פערזאמ־לונג אנגעצייכענטע ריכטליניען.

עס איז אויך בעשטימט געווארען א [illegible] זיצונג אויף [illegible] שבת אין אחגער.

פון אינוואלידען־פעראיין.

דער יודישער אינוואלידען ־ פעראיין פיהרט, ווי מיר האבען שוין געמעלדעט אן א געוויסע טעטיגקייט צו פערגרע־סערן זיינע הכנסות כדי צו קענען קומען צו הילף די אינוואלידען, וועמעס לאגע עס איז אזעלכע אז זיי דארפען אינטערעסירט ווערען.

אין די נאכקומענדע טעג שיקט דער פעראיין ארוים זיינע פערטרעטער אי־בער דער שטאדט, אז די היגע יודען זאלען זיך פערשרייבען אלס עהרען־מיטגלידער פונ'ם פעראיין אין דערמיט צו זיכערן זיין עקזיסטענץ.

עס איז נישט קיין צווייפעל אז די היגע יודישע בעפעלקערונג וועט פער־שטעהן די וויכטיגקייט פון דער זאך און וועט די אקציע ווי געהעריג אונ־טערשטיצען.

רעגיסטראציע פון יאהרגאנג 1906.

ווי מיר ווערען געמאכט וועט אין די נאהענטסטע טעג ארויס א פעראָר־דנונג וועגען מיליטער דינסט פון די מאנספערזאנען וואס זענען געבוירען אין יאהר 1906.

דער דאזיגער יאהרגאנג וועלען זיך דארפען שטעלען צו רעגיסטראציע אין משך פון די נעכסטע צוויי חדשים.

אין די טעג און ארט וואו וועלען אנ־געוויזען ווערען אין דער פעראָרדנונג.

עס זענען אויך פערפליכטעט זיך צו מעלדען די פון יאהר 1905, וועלכע האבען זיך צוליעב פערשידענע סבות (ווי קראנקהייט, און אבוועזענהייט אין אויסלאנד) ביז איצט נישט צוגעשטעלט.

טעאטער „ארעאן"
לעצטער סעאנס 9 אווענד
איינצעלהייטען אין די אפי־שען און פראגראמען.

פון שבת דעם 30 אקטאבער ד. י. אויפ'ן עקראן: דער נייעסטער און מאנומענטאלער פוילישער פילם פון דער אויסארבייטונג „ספינקס" א.ט.
O CZEM SIE NIE MYŚLI
דראמא פון יעצטיגען לעבען אין 10 אקטען מיט א פראלאג.
אין די הויפט־ראלען: יוזעף וועגנזשין, מאריא מארזעלעווסקא, יוליאן סים, וול. גראבאווסקי, מירא זשימינסקא, סטעפאן שווארץ א"א.
די האנדלונג קומט פאר אין ווארשא, סאוויעטרוסלאנד, אויף די קרעסען, אין מיליטערישען שפיטאל, אין מוטערקי און אויפ'ן דארף.
— אויף דער בינע:
נאר שבת און זונטאג. אלעקסעיעף טענצער רוסע.
געזעגענונגס־פארשטעלונגען ושארסקא זינגע־רין.
נאר שבת און זונטאג. ארדאז הומא־ריסט.
פון מאנטאג דעם 1 נאוועמבער ערשטע אויפטריטען פון ניי־אנגאזשירטע ב. בראנאווסקי דער קעניג פון די פוי־לישע הומאריסטען. דועט וועבס פוטוריסטי־שע טענץ.

קינא „נאווי" 2 אלעע 43.
פון דאנערשטאג ד. 28 ביז זונטאג ד. 31 ד.ח. אויפ'ן עקראן: גרויסער שלאגער אויפ'ן יאהר 1926|7.
W EKSPRESIE ARIZONA
סאלאן ־ סענסאציאנעלע דראמא אין 8 אקטען. ביז איצט האט טשענסטאכאוו דאס נישט געזעהן.
אויף דער בינע: טעאטער פון ארט. שקיצען „מאסקא" (פראגראם): 1. ליבעס־ראמאן (פאראדיע)—לוביטש־קארשובנא, י. לוביטש, [illegible] באנאווסקי. 2) ארשא אויף דער גיטארע...—וו. ארשא־באיארסקי. 3) איינע א שטארקע! — י. לוביטש ־ קארשובנא. 4) בעקומען אהנטערמינירטען אורלאפ—י. לוביטש.

טעאטער נאוואשצי אלעע 12.
פון שבת ד. 20 אקטאבער ביז מאנטאג ד. 1 נאוועמ־בער ד. י. — אויפ'ן עק־ראן: גרויסער פילם א. ט.
WESOŁA WDÓWKA
אין די הויפט־ראלען: מע מורי, דז. גילבערט
די גרעסטע סענסאציע פון ווארש. עקראן.
די צונעפאסטע מוזיק איז מיטגעשיקט געווארען מיט'ן פילם, א פערגרעסערטער ארקעסטער.
אויף דער בינע. פעראייניגטע ארטיסטען פון דער ווארשאווער אפערעטקע אונטער דער לייטונג פון ס. וועלינסקי וועט אויספיהרען א ספיריטיסטישען סעאנס, 80 מינוט געלעכטער, פערזאנען: יאש—וועלינסקי, וואנדא—ה. קידראווסקא, ארצט—פאליעשציסקי, מארישקא—קרליטשובנא, שויספאלסקי—מארטאקאוויטש. אויסערדעם וועט געטאנצט ווערען א פעלקע טשעקעלאדקע אין דער אויספיהרונג פון צ. ראוויטש און ו. קרל מש.
צוליעב די גרויסע קאסטען פון בילד זענען די פרייזען געהעכערט מיט 20 גראשען.
לעצטער סעאנס 9 אווענד.

Ceny ogłoszeń: Za wiersz milimetrowy przed tekstem 24 gr., za tekstem 18 gr., w tekście 60 gr.— Szerokośćkolumny obejmuje 8 szpalt ogłoszeniowych.

Wydawca B. BOCIAN — Redaktor Izrael PŁOCKIER — Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja № 6.